**ניו יארק סיטי אפטיילונג פון היימלאזע סערוויסעס**

**<u>מעלדונג פון פובליק הירינג און געלעגנהייט צו קאמענטירן אויף פארגעשלאגענע געזעצן</u>**

**וואס שטעלן מיר פאר?** ניו יארק סיטי אפטיילונג פון היימלאזע סערוויסעס ("DHS") טוט פארשטעלן א געזעץ אנבאלאנגט שעלטער פלאצירונג.

**ווען און וואו קומט פאר די הירינג?** די פובליק הירינג וועט פארקומען פונדערווייטנס דורך Zoom מאנטאג, דעצעמבער 2, 2024, 10:00 אינדערפרי. די וואס ווילן אנטיילנעמען אין די הירינג קענען אנטיילנעמען דורך:

**Zoom (ווידיא און אודיא):** https://www.zoomgov.com/j/1611099761

אדער גייט צו www.zoom.us, קליקט אויף "join a meeting" (זיך באטייליגן אין א זיצונג) און לייגט אריין די זיצונג ID: 161 109 9761

**טעלעפאון (בלויז אודיא): 1-646-828-7666**
ווען עס ווערט פארלאנגט, לייגט אריין די זיצונג ID: 161 109 9761

**וויאזוי קאמענטיר איך אויף די פארגעשלאגענע געזעצן?** סיי ווער קען קאמענטירן אויף די פארגעשלאגענע געזעצן דורך:

- **וועבזייטל.** איר קענט אריינגעבן קאמענטארן צו די DHS דורך די NYC געזעץ וועבזייטל אויף http://rules.cityofnewyork.us.
- **אימעיל.** איר קענט אימעילן קאמענטארן צו DHSRules@dhs.nyc.gov. ביטע שרייבט "מעלדונג פון DHS שעלטער פלאצירונג" אין די סובדזשעקט ליניע.
- **פּאָסט.** איר קענט שיקן אייערע קאמענטארן אויף פאסט צו:

  DHS Rules
  c/o Office of Legal Affairs
  150 Greenwich Street, 38th Floor
  New York, NY 10007

  ביטע מאכט קלאר אז איר קאמענטירט אויף די שעלטער פלאצירונג מעלדונג געזעץ.
- **פאקס.** איר קענט שיקן אייערע קאמענטארן דורך פאקס צו 917-639-0413. ביטע שרייבט "מעלדונג פון DHS שעלטער פלאצירונג" אין די סובדזשעקט ליניע.
- **דורכ'ן רעדן ביי די הירינג.** איר קענט זיך איינשרייבן צו רעדן ביי די הירינג דורכ'ן רופן 929-221-7220 אדער דורך אימעיל DHSRules@dhs.nyc.gov אום אדער איידער די אנהייב פון די הירינג אום מאנטאג, דעצעמבער 2, 2024, 10:00 צופרי רעדנערס וועלן ווערן גערופן אין די סדר וואס זיי האבן זיך איינגעשריבן און וועלן ערמעגליכט ווערן צו רעדן פאר מערסטנס דריי מינוט. ביטע זייט וויסן אז די הירינג איז אנצונעמען מינדליכע עדות און ווערט נישט געהאלטן אויף א "פראגע און ענטפער" פארמאט.

**איז דא א דעדליין אויף איינצוגעבן קאמענטארן?** יא. די דעדליין אריינצוגעבן קאמענטארן איז האלבער נאכט אויף מאנטאג, דעצעמבער 2, 2024. קאמענטארן, אריינגערעכנט די וואס ווערן געשיקט דורך פאסט, מוז אנקומען צו HRA אום אדער איידער דעצעמבער 2, 2024.

**וואס איז אויב איך דארף הילף אנטיילצונעמען אין די הירינג?** איר מוזט אונז לאזן וויסן אויב איר דארפט שפראך דאלמעטשינג סערוויסעס אדער א פארשטענדליכע אקאמאדאציע אנטייל צו נעמען אין די הירינג. איר קענט אונז לאזן וויסן דורך אימעיל אויף DHSRules@dhs.nyc.gov. איר קעט אונז אויך לאזן וויסן דורך די טעלעפאון אויף 929-221-7220. מעלדונג פון פאראויס ווערט פארלאנגט צו ערלויבן גענוג צייט עס אויסצוארבעטן. ביטע לאזט אונז וויסן ביז נאוועמבער 25, 2024 ביז 5:00 נאכמיטאג.

**קען איך איבערקוקן די קאמענטארן וואס זענען געמאכט געווארן אויף די פארגעשלאגענע געזעצן?** איר קענט איבערקוקן די קאמענטארן וואס זענען געמאכט געווארן אנליין אויף די פארגעשלאגענע געזעצן דורכ'ן גיין צו די וועבזייטל אויף http://rules.cityofnewyork.us/. באלד נאך די הירינג, וועלן קאפיעס פון אלע קאמענטארן וואס זענע אריינגעגעבן געווארן אנליין, קאפיעס פון אלע געשריבענע קאמענטארן, און אן איבערזיכט פון מינדליכע קאמענטארן לגבי די פארגעשלאגענע געזעצ זיין צו באקומען פאר די פאבליק אויף DHS'ס וועבזייטל.

**וואס אויטאריזירט DHS צו מאכן די געזעץ?** אפטיילונגען 603 און 1043 פון די סיטי טשארטער. די פארגעשלאגענע געזעץ איז נישט געווען א טייל פון DHS געווענליכע אגענדע פאר די פיסקאלע יאר.

**וואו קען איך טרעפן די DHS געזעצן?** די DHS געזעצן זענען אין טיטל 31 פון די געזעצן פון די סיטי און ניו יארק.

**וועלכע געזעצן זענען איבער די געזעצמאכן פראצעדור?** DHS מוז נאכקומען די פארלאנגען פון אפטיילונג 1043 פון די סיטי טשארטער ווען זיי מאכן אדער טוישן געזעצן. די מעלדונג ווערט געמאכט לויט די פארלאנגען פון אפטיילונג 1043(b) פון די סיטי טשארטער.

**<u>דערקלערונג פון באזיס און צוועק</u>**

אין 2019 האט די ניו יארק סטעיט סענאט אויפגעברענגט לעגיסלאציע (S.7215-A), וועלכע האט פארגעשלאגן צו טוישן אפטיילונג 21-324 פון די אדמיניסטראטיווע קאוד פון די סיטי פון ניו יארק ("אדמיניסטראטיווע קאוד") צו פארלאנגען די ניו יארק סיטי אפטיילונג פון היימלאזע סערוויסעס ("DHS" אדער "דער דעפארטמענט") דורכצופירן א פובליק הירינג אין די געמיינדע דיסטריקט וואו א פארגעשלאגענע נייע היימלאזע שעלטער דארף ווערן פלאצירט איידער עס ווערט סייטעד. די צוועק פון די לעגיסלאציע איז געווען צו הייבן פאראנטווארטליכקייט און קלארקייט דורך ערלויבן אינטערעסירטע געמיינדע מיטגלידער און אויסגעוועלטע באאמטער אויפצוברענגען זארגן, אריינגערעכנט וועגן פובליק זיכערהייט, טראנספארטאציע און עדיוקעישאנאל צוטריט, אנבאלאנגט א פארגעשלאגענע היימלאזע שעלטער. די ביל איז געווארן אונטערגעשריבן אריין אין געזעץ און געווארן קאפיטל 383 פון די געזעצן פון 2020.

פונדעסטוועגן, קאפיטל 68 פון די געזעצן פון 2021 האבן ווייטער געטוישט אפטיילונג 21-324 צו פארלאנגען פובליק אינפארמאציע סעסיעס ענדערש ווי פובליק הירינגס וויבאלד א פובליק הירינג פארלאנג קען פאראורזאכן אומנויטיגע פארשפעטיגונגען אין די שעלטער סייטינג פראצעדור. פובליק אינפארמאציע סעסיעס וועלן ווייטער צושטעלן פאר די פובליק די געלעגנהייט אויפצוברענגען פראגעס און זארגן צו DHS איבער פארגעשלאגענע היימלאזע שעלטערס און זייער לאקאציעס אן פאראורזאכן אומנויטיגע פארשפעטיגונגען.

אפטיילונג 324-21, ווי געטוישט, שטעלט ארויף צענדליגע פארלאנגען אויף DHS. ערשט, עס פארלאנגט DHS זאל "אויפשטעלן א פראצעדור פאר די מעלדונג פון נייע היימלאזע שעלטערס," וועלכע מוז אריינרעכענען א מעלדונג צו לאקאלע אויסגעוועלטע באאמטער און די קאמיוניטי באורד אין וועלכע די שעלטער דארף צו ווערן פלאצירט. צווייטנס, עס פארלאנגט אז יערליכע מעלדונגען זאלן ווערן געשיקט צו פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע ערוועלטע באאמטער וואס זוכן מעגליכע פלעצער פאר צוקונפטיגע שעלטער. צום לעצט, עס פארלאנגט DHS "דורכצופירן כאטש איין פובליק אינפארמאציע סעסיע אויף די פלאץ פון סיי וועלכע היימלאזע שעלטער" אין די קאמיוניטי דיסטריקט וואו די שעלטער דארף צו ווערן פלאצירט, און ארויסצושטעלן די צייט און פלאץ פון די אינפארמאציע סעסיע נישט שפעטער ווי פערצן טאג איידער אזעלכע סעסיע קומט פאר.

כדי נאכצוקומען די געזעץ, טוט DHS פארשלאגן אויפצושטעלן א נייע קאפיטל 6 אינערהאלב טיטל 31 פון די געזעצן פון די סיטי פון ניו יארק ("RCNY") איינצופירן מעלדונג און פובליק אינפארמאציע פראצעדורן פאר נייע היימלאזע שעלטערס.

די אפטיילונג'ס אויטאריטעט פון די פארגעשלאגענע געזעץ געפונט זיך אין אפטיילונגען 389, 612, און 1043 פון די טשארטער, און אפטיילונג 324-21 פון די אדמיניסטראטיווע קאוד.

<u>נייע מאטריאל איז אונטערגעשטרייכט.</u>
[אויסגעמעקטע מאטריאל איז איינגערינגלט.]
שטערנס (***) ציגן אומגעטוישטע ווערטער.

"זאל" און "דארף" מיינען געפאדערטע פארלאנגען און קען ווערן איינג גענוצט אין די געזעצן פון דעם אפטיילונג, אויסער אויב אנדערש אנגעגעבן אדער אויב די אינהאלט צייגט קלאר אנדערש.

אפטיילונג 1. טיטל 31 פון די געזעצן פון די סיטי אוו ניו יארק ווערט געטוישט דורך צולייגן א נייע קאפיטל זעקס זיך צו ליינען ווי פאלגנד:

**<u>קאפיטל 6: פובליקאציע פון אינפארמאציע אנבאלאנגט נייע היימלאזע שעלטערס</u>**

<u>§ 6-01. באדייטן. די פאלגנדע טערמינען גענוצט אין דעם אפטיילונג האבן די אפטייטשונגען ווי פאלגנד דערקלערט:</u>

<u>(a) "אויפפירונג" מיינט דירעקטירן, קאנטראלירן, אנפירן, אויפנעמען, קאארדענירן, אדער אנטיילנעמען אין א פובליק אינפארמאציע סעסיע.</u>

<u>(b) "אפטיילונג" מיינט די ניו יארק סיטי אפטיילונג פון היימלאזע סערוויסעס.</u>

<u>(c) "נייע היימלאזע שעלטער" מיינט א פאסיליטעט וועלכע איז נישט פריער גענוצט געווארן דורך דעם אפטיילונג אלס א שעלטער.</u>

(d) "פובליק אינפארמאציע סעסיע" מיינט א פערזענליכע אדער א ווירטואלע אדער פונדערווייטנס זיצונג, קאנפערענץ, אסעמבלי, אדער אנדערע פארזאמלונג אין וועלכע אפטיילונג שטאב זענען אנוועזנד און איז אפן צו די פובליק.

(e) "שעלטער" מיינט סיי וועלכע פאסיליטעט געעפנט און אנגעפירט פאר די צוועק פון צושטעלן צייטווייליגע רעזידענטשעל קעיר, צו היימלאזע ערוואקסענע, ערוואקסענע פאמיליעס, אדער פאמיליעס מיט קינדער דורך די אפטיילונג אדער דורך א פראוויידער אונטער קאנטראקט אדער ענליכע אפמאך מיט די אפטיילונג וועלכע געבט זיך איין פאר אדער ערהאלט צייטווייליגע האויזינג הילף.

(f) "עמערדזשענסי היימלאזע שעלטער" מיינט סיי וועלכע אנדערע פאסיליטעט מיט איבערנאכט שלאפן אראנדזשירונגען, וועלכע די הויפט צוועק איז צוצושטעלן צייטווייליגע שעלטער צו ערהאלטער פון צייטווייליגע האויזינג הילף און געעפנט דורכאויס א צייט פון עמערדזשענסי דערקלערט דורך דער מעיאר אין איינקלאנג מיט אפטיילונג 24 פון די עקזעקיוטיוו געזעץ אדער דורך דער גאווערנער אין איינקלאנג צו אפטיילונג 28 פון אזעלכע געזעץ, אדער אין איינקלאנג מיט אן עמערדזשענסי פראקיורמענט.

§ 6-02. פראצעדור פאר מעלדונג פון א נייע היימלאזע שעלטער.

(a) נאך עס האט אידענטיפיצירט א פארגעשלאגענע נייע היימלאזע שעלטער, אבער איידער רעגיסטרירן מיט דער סיטי קאמפטראלער א קאנטראקט צו אנפירן אזא שעלטער, וועט דער אפטיילונג:

(1) צושטעלן שריפטליכע מעלדונג צו אלע פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע ערוועלטע באאמטער, ווי אויך די קאמיוניטי באורד פון די קאמיוניטי דיסטריקט אין וועלכע די פארגעשלאגענע נייע היימלאזע שעלטער זאל זיך געפונען, זיי צו מעלדן פון אזא פאסיליטעט און פון דעם אפטיילונג'ס ווילן צו פלאצירן א שעלטער ביי די פאסיליטעט. אזא מעלדונג וועט אריינעמען:

(i) די פלאץ פון די פארגעשלאגענע נייע היימלאזע שעלטער;

(ii) די מאס פון די פארגעשלאגענע נייע היימלאזע שעלטער;

(iii) די באפעלקערונג וואס די נייע היימלאזע שעלטער וועט סערווירן;

(iv) די נאמען פון די פראוויידער אויסגעוועלט צו אנפירן די פארגעשלאגענע נייע היימלאזע שעלטער, אויב סיי וועלכע; און

(v) די ערווארטעטע עפענונג דאטום פון די פארגעשלאגענע נייע היימלאזע שעלטער; און

(2) דורכפירן כאטש איין פובליק אינפארמאציע סעסיע ביי וועלכע מיטגלידער פון די פובליק קענען פרעגן פראגעס און מאכן באמערקונגען אין די קאמיוניטי דיסטריקט אין וועלכע די פארגעשלאגענע נייע היימלאזע שעלטער דארף צו ווערן פלאצירט;

(3) מעלדן אויף די אפטיילונג'ס וועבזייטל די דאטום, צייט, און פלאץ פון אדער וועב-לינק צו די פובליק אינפארמאציע סעסיע, ווי אויך די אדרעס פון די פארגעשלאגענע נייע היימלאזע שעלטער, נישט וויניגער ווי 14 טעג איידער אזא סעסיע איז באשטימט פארצוקומען; און

(4) אננעמען שריפטליכע פראגעס און באמערקונגען אויף די פארשלאג צו שטעלן א נייע היימלאזע שעלטער אינערהאלב 14 טעג פון די פובליק אינפארמאציע סעסיע.

(b) די פראצעדורן אין די אפטיילונג גייען נישט אן פאר עמערדזשענסי היימלאזע שעלטערס, בלויז אבער, אז אין פאל אן עמערדזשענסי היימלאזע שעלטער וועט אפערירן שפעטער פון ווי לאנג די סטעיט פון עמערדזשענסי גייט אן אין איינקלאנג פון וועלכע עס איז אויפגעשטעלט געווארן, וועט דער דעפארטמענט זיין אין איינקלאנג מיט די מעלדונג פארלאנגען געשילדערט אין די אפטיילונג איידער רעגיסטרירן מיט דעם סיטי קאמפטראלער סיי וועלכע קאנטראקט אדער אפמאך צו אפערירן א שעלטער ביי די זעלבע פלאץ.

(c) די אפטיילונג וועט שיקן א שריפטליכע מעלדונג, נישט שפעטער ווי מערץ 31, עלעקטראניש און דורך פאסט, צו אלע פעדעראלע, סטעיט, און לאקאלע ערוועלטע באאמטער צו פארלאנגען אז די באאמטער זאלן אידענטיפיצירן מעגליכע פלעצער פאר נייע שעלטערס אין זייערע דיסטריקטס.

**NEW YORK CITY LAW DEPARTMENT**
**DIVISION OF LEGAL COUNSEL**
**100 CHURCH STREET**
**NEW YORK, NY 10007**
**212-356-4028**

**באשטעטיגונג אין איינקלאנג מיט**

**§ 1043(d) טשארטער**

**געזעץ טיטל:** געזעצן פארבינדן צו די פובליקאציע פון אינפארמאציע אנבאלאנגט נייע היימלאזע שעלטערס

**רעפערענץ נומער:** 2023 RG 107

**אגענטור וואס מאכט די געזעץ:** ניו יארק סיטי אפטיילונג פון היימלאזע סערוויסעס

איך באשטעטיג אז די אפיס האט איבערגעקוקט די אויבנדערמאנטע פארגעשלאגענע געזעץ ווי געפאדערט דורך אפטיילונג 1043(d) פון די ניו יארק סיטי טשארטער, און אז די אויבנדערמאנטע פארגעשלאגענע געזעץ:

(i) ווערט געמאכט כדי צו דערגרייכן די ציל פון די אויטאריזירנדע באדינגונגען פון געזעץ;

(ii) שטערט נישט פאר אנדערע גילטיגע געזעצן;

(iii) ווי ווייט מעגליך און פאסיג, ווערט פונקטליך געמאכט געווארן צו דערגרייכן אין אוועקגעשטעלטע ציל; און

(iv) ווי ווייט מעגליך און פאסיג, פארמאגט א דערקלערונג פון באזיס און צוועק וואס געבט א קלארע ערקלערונג איבער דעם געזעץ און די פאדערונגען וועלכע ווערן איינגעפירט דורך דעם געזעץ.

/s/ STEVEN GOULDEN
הויפט קאונסיל

דאטום: אקטאבער 29, 2024

# NEW YORK CITY MAYOR’S OFFICE OF OPERATIONS
## 253 BROADWAY, 10th FLOOR
## NEW YORK, NY 10007
## 212-788-1400

**באשטעטיגונג / אנאליז**

**אין איינקלאנג מיט טשארטער אפטיילונג 1043(d)**

**געזעץ טיטל: געזעצן פארבינדן צו די פובליקאציע פון אינפארמאציע אנבאלאנגט נייע היימלאזע שעלטערס**

**רעפערענץ נומער: DHS-6**

**אגענטור וואס מאכט די געזעץ: אפטיילונג פון היימלאזע סערוויסעס**

איך באשטעטיג אז די אפיס האט איבערגעקוקט די אויבנדערמאנטע פארגעשלאגענע געזעץ ווי געפאדערט דורך אפטיילונג 1043(d) פון די ניו יארק סיטי טשארטער, און אז די אויבנדערמאנטע פארגעשלאגענע געזעץ:

(i) איז פארשטענדליך און געשריבן אין איינפאכע שפראך פאר די געצילטע אלגעמיינע קאמיוניטי אדער קאמיוניטיס;

(ii) האלט צו א מינימום די אויספאלג קאסטן פאר די געצילטע אלגעמיינע קאמיוניטי אדער קאמיוניטיס אויפ'ן גאנג פון ערררייכן די אוועקגעשטעלטע ציל פון די געזעץ; און

(iii) שטעלט נישט אוועק א לענג פון צייט פאר פארריכטונג וויבאלד עס שטעלט נישט אוועק א פארלעצונג, טויש פון א פארלעצונג, אדער טויש פון די שטראפן פארבינדן מיט א פארלעצונג.

*s/ Francisco X. Navarro/*
מעיאר'ס אפיס פון אפעראציעס

*אקטאבער 29, 2024*
דאטום